28 לעך! זי אָבער האָט געענטפערט און זאָגט צו
אים: יאָ, האַר; אַפילו די הינטלעך אונטערן טיש
29 עסן פון די ברעקלעך פון די קינדער! און ער
האָט געזאָגט צו איר: צוליב דעם דאָזיקן וואָרט
גיי דיר: דער בייזער גייסט איז שוין אַרויס פון
30 דיין טאָכטער. און זי איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך
אַהיים, און האָט געפונען דאָס קינד ליגן אויפן
בעט, און דער בייזער גייסט איז שוין געווען
אַרויסגעגאַנגען.
31 און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן
פון צור, און איז געגאַנגען דורך צידון צום ים פון
גליל, אינמיטן פון די גרענעצן פון די צען שטעט.
32 און מען האָט געבּרענגט צו טראָגן צו אים איינעם,
וואָס איז געווען טויב און האָט געשטאַמלט; און
מען האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אויף
33 אים די האַנט. און ער האָט אים אַוועקגענומען פון
דעם המון מענטשן אויף אַ זייט, האָט אַריינגעלייגט
זיינע פינגער אין זיינע אויערן אַריין, און האָט
34 אויסגעשפּיגן און אָנגערירט זיין צונג; און אַרויפ־
בליקנדיק צום הימל, האָט ער געגעבן אַ זיפץ, און
זאָגט צו אים: אפתח! דאָס הייסט מאַך דיך אויף!
35 און זיינע אויערן האָבן זיך אויפגעעפנט, און גלייך
האָט זיך דאָס באַנד פון זיין צונג לויז געמאַכט, און
36 ער האָט ריכטיג גערעדט. און ער האָט זיי באַפוילן
אַז זיי זאָלן עס קיינעם נישט זאָגן; אָבער וואָס מער
ער האָט זיי באַפוילן, אַלץ מער האָבן זיי עס פאַר־
37 שפּרייט. און זיי זענען געווען אויסער זיך פון
שטוינען, און האָבן געזאָגט: ער האָט אַלץ וואויל
געטון; אַפילו די טויבע מאַכט ער הערן, און די
שטומע רעדן!